# יחודא

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

גליון מוגדל - חג הפסח תשפ"ב / גליון ט'


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **כתר שם טוב**

| יום | סימן |
|---|---|
| ראשון | רמט |
| שני | רנ |
| שלישי | רנא |
| רביעי | רנב |
| חמישי | רנג |


קול זו

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

ניי איפן טעלעפאן-ליין

אין די טעג פון חול המועד
רייכע חסיד'ישע שמועסן
אין נומבער 9


## חסיד'יש געדערט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א בית המקדש אין דיין הויז

### השי"ת גייט נישט אריין אין גן עדן, השי"ת כביכול ער קומט צו דיין סדר טיש, דארט וואו דו עסט מצה און דערציילסט איבער יציאת מצרים

האסטו געטראכט אמאל וועגן די צדיקים אין גן עדן, וויפיל זיי זענען נהנה מזיו השכינה, ווען השי"ת אליין בכבודו ובעצמו טשאטשקעט זיך מיט זיי. וואספארא ענדלאזער תענוג איז דאס. ווער קען עס דען פארשטעלן?!

נישט נאר די צדיקים אין גן עדן, אפילו אידן אין די צייטן פון בית המקדש. אין בית המקדש האט דאך השי"ת'ס ליכטיגקייט געשיינט אפן. ווי זיס איז געווען צו עולה רגל זיין און זען דעם באשעפער עין בעין. ווי וואונדערבאר איז דאס געווען.

אבער מיר, נעבעך, לעבן דא אין א מגושם'דיגע וועלט, אין א מגושם'דיגן דור. מיר טרעטן טאקע צו צום יו"ט פסח, אבער אן קיין בית המקדש, אן קיין וואונדערליכע גילויים, נאר אין פשוט'ן גלות.

## בית המקדש - וואו מען איז...

דער 'תפארת שלמה' (שבת הגדול) איז מחדש א וואונדערליכן חידוש: יעדער איד וואס עסט מצות מיט די ריכטיגע כוונה, אין יעדן דור און אין יעדע פלאץ, שטעלט זיך דער מקום המקדש אריין אונטער אים, און **ער פארוואנדלט דעם שבת-צימער**

**אין זיין הויז צו א בחינה פון בית המקדש!**

**"בִּשְׁעַת עֲשִׂיַּת הַקָּרְבַּן פֶּסַח בְּמִצְרַיִם, הָיָה הֶעָמוּד עָנָן נוֹשֵׂא אוֹתָם אֶל הַר הַבַּיִת לַעֲשׂוֹת שָׁם הַקָּרְבַּן פֶּסַח, וְאַחַר כָּךְ הָיָה מַחֲזִירָם לְמִצְרַיִם, וּמִשָּׁם יָצְאוּ לְמָחֳרַת הַפֶּסַח** (כמבואר בתרגום יונתן). **כְּמוֹ כֵן עַתָּה בַּאֲכִילַת מַצָּה בְּכַוָּנָה נְכוֹנָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, נִתְקַפֵּל בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל תַּחְתָּיו, וּמְקוֹמוֹ קָדוֹשׁ בִּבְחִינַת חֲצַר אֹהֶל מוֹעֵד".** דערמיט ערקלערט ער דאס וואס עס זעט אויס פון פסוק 'והיה כי יביאך אל הארץ... ועבדת את העבודה הזאת בחודש הזה', אז די מצוות פון פסח גייען אן אין ארץ ישראל, ווען לכאורה גייט דאך אן די מצוה פון מצה אויך אין חוץ לארץ?! נאר דער ענין איז, אז יעדער וואס עסט מצה בקדושה איז זוכה צו א בחינה פון ארץ ישראל, אין סיי וועלכע פלאץ ער געפינט זיך.

וואס איז פשט? פארוואס איז דער מענטש זוכה צו א בחינה פון בית המקדש אין דעם נאכט? דער 'תפארת שלמה' איז מסביר אז דאס איז דער גאנצער ענין פון יציאת מצרים.

## זז גילוי שכינה

**"כִּי עִנְיַן יְצִיאַת מִצְרַיִם הוּא, כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא מִמַּאֲסַר הַיֵּצֶר וְנִכְנָס לְהַקְּדֻשָּׁה, לִהְיוֹת דָּבוּק בְּהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, אֲשֶׁר הוּא מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, לָכֵן מְמֵילָא גַּם הַמָּקוֹם הַזֶּה הוּא כְּמָקוֹם הַקָּדוֹשׁ."** דער 'מהות' פון יציאת מצרים, די קדושה פון די מצה, די קדושה פון ליל הסדר איז - אז דער מענטש איז זיך אזוי שטארק מתדבק אין השי"ת, אז אין יעדע פלאץ וואו ער געפינט זיך איז ער אין בית המקדש.

און דא ברענגט דער 'תפארת שלמה' וועגן די קדושה פון דעם נאכט: **"וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב 'וּבְמוֹרָא גָּדוֹל זֶה גִּלּוּי שְׁכִינָה'. כַּאֲשֶׁר כְּבָר בֵּאַרְנוּ מִגֹּדֶל קְדֻשַּׁת לַיְלָה זֹאת, אֲשֶׁר השי"ת כִּבְיָכוֹל מִתְדַּבֵּק עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'כַּחֲצֹת הַלַּיְלָה אֲנִי יוֹצֵא בְּתוֹךְ מִצְרָיִם'. כִּי בְּכָל חֲצוֹת לַיְלָה השי"ת נִכְנָס בְּגַן עֵדֶן לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ שָׁם עִם הַצַּדִּיקִים, כְּמוֹ שֶׁאָמַר בַּזוה"ק בַּפָּסוּק 'וְהַמֶּלֶךְ שָׁב מִגִּנַּת הַבִּיתָן', אַךְ בְּלַיְלָה זֹאת אֵינוֹ נִכְנָס לְגַן עֵדֶן, רַק בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָעוֹשִׂים רְצוֹנוֹ בְּמִצְוֹת הַנְּהוּגִים בְּלַיְלָה זֹאת, בַּאֲכִילַת מַצָּה וְסִפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם. וְזֶהוּ שֶׁאָמַר וּבְמוֹרָא גָּדוֹל זֶה גִּלּוּי שְׁכִינָה."**

דיין הארץ לעכצט נהנה צו זיין מזיו השכינה פון גן עדן? אין די נאכט פון פסח איז השי"ת כביכול מיט דיר דא. **ער גייט נישט אריין אין גן עדן, נאר ער קומט צו דיין סדר טיש, דארט וואו דו עסט מצה און דערציילסט איבער יציאת מצרים. השי"ת כביכול קומט זיך טשאטשקען מיט דיר.** ווער קען שילדערן די גרויסקייט פון דעם דאזיגן מאמענט?!

באטראכט נישט דיין סדר ווי א געווענליכע געשעעניש, נאר ווי א צייט פון נאנטקייט און דביקות מיט השי"ת כביכול, א צייט פון גילוי שכינה, א צייט ווען דיין הויז איז אזוי הייליג אזוי ווי דער בית המקדש. א צייט אויף וועלכע דו האסט שטענדיג געווארט און געגארט.

> **א צייט ווען דיין הויז איז אזוי הייליג אזוי ווי דער בית המקדש. א צייט אויף וועלכע דו האסט שטענדיג געווארט און געגארט...**

## א ריכטיגע הכנה

אבער דער 'תפארת שלמה' ערקלערט אז דאס האט א תנאי. דער פסוק זאגט, "מצות תאכל במקום קדוש - בחצר אהל מועד יאכלוה" (ויקרא ו, ט). דאס מיינט, אויב דו ווילסט זוכה זיין צו א בחינה פון חצר אהל מועד, דארפסטו זיך פריער הייליגן. **"שֶׁיָּכִין אֶת עַצְמוֹ קֹדֶם פֶּסַח לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר אֶת עַצְמוֹ לִהְיוֹת כְּלִי מְכֻשָּׁר שֶׁיָּבֹא לְתוֹכוֹ הַמַּצָּה בְּ'מָקוֹם קָדוֹשׁ', וְאָז 'בַּחֲצַר אֹהֶל מוֹעֵד יֹאכְלוּהָ' - שֶׁיִּהְיֶה הַמָּקוֹם שֶׁהוּא עַתָּה פֹּה כְּמוֹ חֲצַר אֹהֶל מוֹעֵד."**

דעריבער, לאמיר זיך מקדש זיין מיט די ריכטיגע הכנה, און אויך אויב ס'איז שוין נישטא צופיל צייט, און מיר שטייען שוין אט אט ביים ליל התקדש החג, קען מען דאך תשובה טון אין איין מינוט, בשעתא חדא וברגעא חדא, און מיר וועלן אלע זוכה זיין צו זיין אין בית המקדש אין דעם הייליגן נאכט.

# זכירת יציאת מצרים: יסוד אין אידישקייט

## יציאת מצרים האט געמוזט זיין פארן כלל ישראל! ♦ די אמונה און הכרה פון כלל ישראל קעגן אנדערע נבראים ♦ מציאות כלל ישראל: שבראנו לכבודו! ♦ מעיקרי נקודות החג

**אברהם יצחק:** לערנענדיג אין די ספרים הק' אויף יו"ט, האב איך געזען ווי עס ווערט זייער פיל ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון מצות זכירת יציאת מצרים, וואס בעצם איז דאס איינס פון די עיקר נקודות פון דעם יו"ט, איך וואלט געוואלט בעסער פארשטיין פארוואס?

**משפיע:** דער גרויסער יסוד פון 'יציאת מצרים', איז נישט נאר די יסודות'דיגע נקודה פון פסח, נאר זי איז א יסוד פאר די גאנצע תורה, און דער יסוד אין דעם צוגאנג פון יעדן איד אין עבודת ה'. ווי עס ווערט ברייט ארומגערעדט אין די ספרים. דער מהר"ל אין 'גבורות השם' רעדט עס זייער ברייט ארום, אז **אלע הויפט מצוות זענען 'זכר ליציאת מצרים' - ווייל דער ארויסגיין פון מצרים איז דער יסוד פארן גאנצן אויסזען פון כלל ישראל.**

> דערפאר ווייל ס'דארף זיין א כלל ישראל, האבן מיר געדארפט ארויסגיין קיין מצרים און אריבערגיין די אלע ניסים פון יציאת מצרים!

### ווער ס'געדענקט נישט יציאת מצרים, פעלט אים אין די יסודות פון אידישקייט?!

**אברהם יצחק:** ווען איך טראכט אריין דעריין, זע איך אז ס'איז מיר נישט אזוי קלאר. ווייל דאס אז כלל ישראל איז געווארן פאר א פאלק ארויסגייענדיג פון מצרים, דאס איז פשוט. און דאס אז השי"ת פאדערט פון אונז צו געדענקען די ניסים און וואונדער וועלכע ער האט געטון מיט אונז ווען ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, דאס איז אויך פארשטענדליך - ווייל מען דארף דאנקען און לויבן פאר דעם. אויך טראכט איך יעצט, אז ווען מ'געדענקט די ניסים זעען מיר ווי שטארק דער אויבערשטער האט אונז ליב, ווי שטארק ער באוויליגט אין אונז, און דאס איז זייער וויכטיג פארן מקיים זיין די גאנצע תורה.

אבער נאך אלץ פארשטיי איך נישט: **פארוואס איז דאס דער יסוד פון די גאנצע תורה?** א איד וועלכער געדענקט נישט יעדן טאג דעם ענין פון יציאת מצרים, אדער וויניגסטנס מאכט ער נישט קיין טראסק דערוועגן, פעלט אים דען אין די יסודות פון אידישקייט? איך פארשטיי אז ס'פעלט אים אין דער מצווה פון 'זכירת יציאת מצרים', ווי אויך פעלט אים אסאך פון די 'טעמי המצוות' פון די אלע מצוות וועלכע מיר זענען באפוילן געווארן דערפאר ווייל מען האט אונז ארויסגענומען פון מצרים. אבער וואס פעלט אין זיינע 'יסודות' אין אידישקייט?!

**משפיע:** דו פרעגסט 'כהלכה' אזויווי דער 'בן חכם'. אבער לאמיר אויסקלארן די שאלה. דו פרעגסט וואס איז מיט א איד וואס געדענקט נישט יציאת מצרים. איך וועל דיר פרעגן נאכמער: וואס וואלט געווען ווען ס'וואלט בכלל נישט געווען קיין יציאת מצרים? דהיינו, לאמיר זיך פארשטעלן אז די אידן וואלטן בכלל נישט אראפ אין מצרים, וואלט דען נישט געקענט באשאפן ווערן קיין כלל ישראל? וואלטן זיי נישט געקענט באקומען די תורה?

ריכטיג, אז אידישע קינדער האבן געדארפט אריבערגיין אן אויסלייטערונג כדי צו זיין פאסיג צו באקומען די תורה, און דערפאר האבן זיי געדארפט אראפגיין קיין מצרים, און יעצט אז ס'איז שוין געווען אזוי דארפן מיר עס געדענקען און דאנקען אויף דעם, אבער צי איז דאס אליין גענוג אן ערקלערונג כדי צו זאגן אז דאס איז דער יסוד פון די גאנצע תורה?!

ווייל צום ביישפיל, אויב מיר וועלן באטראכטן ווי די אידן גייען אין מדבר וועלכע איז זיכער געווען זייער וויכטיג כדי זיי צו ברענגען צו פארשידענע תיקונים, קענען מיר אבער נישט זאגן אז דאס איז געווען דער יסוד אוועקצושטעלן כלל ישראל. ווייל עס וואלט געקענט זיין אז זיי זאלן נישט דארפן די תיקונים, און זיי האבן עס גענצליך געקענט איינשפארן. קומט אויס אז אויב מיר זאגן אז יציאת מצרים איז דער יסוד פון די גאנצע תורה, זאגט דאס: אז **נישט נאר ווייל ס'איז געווען אזא מעשה דארפן מיר עס געדענקען, נאר דערפאר ווייל ס'דארף זיין א כלל ישראל, האבן מיר געדארפט אראפגיין קיין מצרים און אריבערגיין די אלע ניסים פון יציאת מצרים!** וועגן דעם קומען מיר צוריק צו די שאלה, וואס ליגט אין יציאת מצרים אז ס'איז דער יסוד פאר די גאנצע תורה?

**אברהם יצחק:** פשש... כ'האב קיינמאל נישט געטראכט אזוי טיף. אויב רעדט מען שוין איבער די ארבעה בנים, בין איך דער 'שאינו יודע לשאול', ווייל אפילו די שאלה האב איך נישט ריכטיג ארויסגעברענגט... אבער למעשה, וואס איז די תשובה? וואס איז דער יסוד פון יציאת מצרים וואס אין דעם איז אנגעהאנגען די גאנצע תורה, און פארוואס דער גאנצער אויפבוי און גרינדונג פון כלל ישראל באציט זיך צו דעם?

**משפיע:** ווען מיר רעדן איבער 'דעם יסוד פון די גאנצע תורה', איז די כוונה אז דאס איז **דער יסוד וויאזוי מיר גייען צו, צו השי"ת און צו די מצוות.** דאס איז די וועג וויאזוי מיר כאפן זיך אן כביכול אין אויבערשטן. דהיינו, א מענטש שטייט אויף צופרי און ווייסט אז ער האט פאר זיך א גאנצן טאג אין וועלכע ער איז זוכה צו דינען דעם באשעפער. וויאזוי גייט ער צו צום פאקט אז ער איז א איד וואס איז זוכה צו דינען דעם אויבערשטן?! אין אנדערע ווערטער: מיט וועלכער בליק כאפט ער אויף השי"ת אין זיין הארץ? ווער איז השי"ת פאר דיר? וויאזוי קוקסטו אויפן אויבערשטן?

### דינען דעם אויבערשטן ווייל ער האט מיר באשאפן אדער צוליב יציאת מצרים?

**אברהם יצחק:** מאדנע שאלות. וואס איז בכלל די שאלה? דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט, ער איז מחי'ה און פירט די גאנצע וועלט, אריינגערעכנט מיר, איך בין גענצליך אנגעהאנגען אין אים, אלעס וואס איך האב איז פון אים מיט השגחה פרטית, איך בין זוכה אים צו דינען און טון זיין ווילן. ווען איך שטיי אויף אינדערפרי דאנק איך אים אז ער האט מיר צוריקגעגעבן די נשמה און מיר צוגעגרייט אלע מיינע באדערפענישן. צום וויניגסטנס ווען איך טראכט אריין, איז דאס די וועג וויאזוי איך קוק דערויף. ס'איז נישט קלאר?

**משפיע:** דו זאגסט זייער גוט און דו ענטפערסט מיר אויף מיין שאלה בטוב טעם ודעת, אבער דא קומען מיר צו אונזער נושא, אז **דווקא דער ענין פון יציאת מצרים דארף זיין דער יסוד און שורש פאר אונזער עבודת ה'!**

**אברהם יצחק:** ממש אנטשולדיגט, אבער איך האב הייב נישט אן צו פארשטיין וואס דו ווילסט זאגן. כ'בין שוין אינגאנצן פארטומלט. דו זאגסט אין דיינע ווערטער אז דער ענין פון יציאת מצרים איז דער יסוד און שורש פאר די גאנצע תורה, דו באטאנסט עס נאכאמאל און ווידער אמאל, אבער איך פארשטיי נאכנישט וואס פעלט אין מיינע ווערטער וואס איך האב אוועקגעשטעלט אז השי"ת איז דער באשעפער פון די גאנצע וועלט?! וועלכער יסוד ווילסטו צולייגן וואס דו האסט נישט געטראפן אין מיינע ווערטער? האסט טאקע צוגעלייגט אז השי"ת - אויסער וואס ער האט באשאפן די וועלט - האט ער אויך ארויסגענומען די אידן פון מצרים מיט נסים ונפלאות, אבער האסט נאכנישט ערקלערט פארוואס דאס ווערט גערופן דער יסוד און דער שורש?

### יציאת מצרים: כלל ישראל מיטן אויבערשטן

**משפיע:** מיט דיינע ווערטער אז השי"ת האט באשאפן און איז מחי'ה די גאנצע וועלט איז נאכנישט דא קיין שום אנערקענונג אין אויבערשטן אליין. נאר ווען דו קוקסט אין די וועלט באשאף, פארשטייסטו אז ס'איז דא א באשעפער און א פירער פאר דעם אלעם. אבער דו האסט נאכנישט קיין שום אנערקענונג איבער דעם בורא אליין.

אויסער דעם, איז דא נאך נישטא קיין שום זאך וואס שטעלט פאָר די באציהונגען **צווישן השי"ת מיט די אידן; צו דיר פריוואט און צו גאנץ כלל ישראל בכלל.** דאס וואס ער איז מחי'ה דער גאנצער וועלט איז דאך פאר

אלעמען; דאס פאדערט פון אלע באשעפענישן - נישט בלויז די אידן - אים צו דאנקען איבער דעם וואס ער געבט זיי, און צו בעטן פון אים זייערע באדערפענישן.

אבער יעצט, ווען מיר קלארן אויס דעם יסוד פון 'יציאת מצרים' זאגט עס אז מיר פארשטייען, גלויבן און אנערקענען אין מציאות הבורא ב"ה, נישט נאר פון די וועלט ארום וואס מיר זעען פאר אונזערע אויגן, נאר מיר ווייסן אז ער איז העכער און דערהויבענער פון אלע נאטורליכע באגרעניצונגען, **ווייל ער האט אונז ביי יציאת מצרים געוויזן בחוש אז ער איז דער וואס הערשט איבער, און צושטערט, יעדע באגרעניצונג און נאטורליכער סדר.** אזוי אויך האט אט דער פארכטיגער בורא אונז אויסדערוועלט פאר זיין אויסדערוועלטער פאלק, מיט דעם וואס ער האט געוויזן פאר די גאנצע וועלט זיין ליבשאפט צו אונז, צושלאגנדיג שטארק די אלע וואס דערדרוקן אונז. ער האט אונז ארויסגענומען מיט גרויס פראפאגאנדע מיט צייכנס און וואונדער, וואס ווייזט דאס קלאר אז ס'איז דא א באציהונג צווישן השי"ת און אידישע קינדער. פון אט די אנערקענונג גייען מיר צו, צו עבודת השי"ת און צו קיום המצות. דאס איז אן אינערליכער טיפער בליק וואס מ'קען גארנישט אפשאצן.

**אברהם יצחק:** וואס איז דאס א נפקא מינא? אין וועלכע נקודה געבט זיך ארויס דער אונטערשייד אויב מען דערנענטערט זיך צו השי"ת דורך די בריאה וועלכע מיר זעען - ווי יעדער באשעפעניש וועלכער אנערקענט זיין באשעפער, אדער דורך יציאת מצרים - ווי דער אויסדערוועלטער פאלק וועלכער ווייסט אז השי"ת איז העכער פון די נאטורליכע באגרעניצונגען?

# מיר זענען דא נאר כדי צו אנטפלעקן השי"ת!

**משפיע:** דאס איז א שארפער אונטערשייד, ווייל ווילאנג אונזער צוגאנג איז נאר דורך די וועלט באשאף, האבן מיר נישט קיין שום נאנטקייט און קשר צום באשעפער אליין. ווייל ענדע נאך אלעס איז דער 'איך' א פאקט וואס עקזיסטירט. 'איך' פארשטיי אז השי"ת האט מיר באשאפן און געבט מיר לעבן.

מיט דעם סארט צוגאנג איז דער עיקר און צענטער פון די בריאה דער 'איך'. נאר 'איך' האב הכרת הטוב צו אים און ס'פאדערט 'מיר' צו בעטן פון אים מיינע אלע געברויכן, און 'איך' פארשטיי אז איך דארף אנקומען צו אים און צו זיינע טובות, און 'איך' בין מודה אז ער געבט מיר אלעס וואס 'איך' דארף. אין אנדערע ווערטער: דאס פארשטייט אפילו א גוי! ווייל יעדער פארשטייט אז מען דארף מכיר טובה זיין פאר ווער ס'האט דיר באשאפן און געבט דיר אלע דיינע באדערפענישן.

אבער יציאת מצרים האט אונז געלערנט צו זיין 'כלל ישראל'. **כלל ישראל מיינט אז ס'איז נישטא דער 'איך' אין צענטער**, נאר השי"ת איז אין צענטער. ווייל דאס איז דער מציאות פון כלל ישראל, אז מען אנערקענט אז אלעס איז השי"ת און מיר זענען דא נאר כדי דאס צו אנטפלעקן. מיר באשטייען נאר אזויפיל וויפיל ס'פאדערט זיך צו אנטפלעקן די מציאות פון השי"ת. ווייל די גאנצע וועלט באשאף איז גארנישט מיט נישט, ס'איז גארנישט דא אויסער אים. אט דאס האבן מיר זוכה געווען זיך צו באקענען ביי יציאת מצרים וועלכע איז פארגעגאנגען מיט נסים ונפלאות, דארט האבן מיר געזען אז **מיר האבן נישט קיין שום באשטאנדיגקייט, און די גאנצע זאך פארוואס מיר זענען דא איז נאר ווייל השי"ת האט באגערט אין אונז, און אויסגעוועלט אין** אונז. דאס האט זיך אונז קלאר אנטפלעקט ביי יציאת מצרים.

דאס איז די סיבה וואס מיר אידישע קינדער אנערקענען אין אויבערשטן, אין אים אליין כביכול, נישט נאר אלס באשעפער פון די וועלט וועלכע מיר זעען, נאר מיר ווייסן אז די גאנצע וועלט ווערט נישט גערעכנט פאר אים, ער איז העכער פון אלע נאטורליכע באגרעניצונגען.

פון אזא סארט צוגאנג ווערט דער גאנצער עבודת ה' אנדערש אינגאנצן. מיר קענען אוועקנעמען און גענצליך אפמאכן אונזער גאנצער עצמיות. זיך דערהויבן איבער די גאנצע טבע און גשמיות און אריינלייגן אין אונזער הארץ די פאראייניגונג מיטן בורא ב"ה. אלע חושים און כוחות וועלן זיך בייגן פארן אויבערשטן. זיי וועלן מוותר זיין און זיך אפשיידן נישט נאכצולויפן נאך די וועלטליכע נארישקייטן, ווייל מיר זענען נישט קיין וועזן פאר זיך אליין ח"ו וועלכע איז מודה אז השי"ת האט אונז באשאפן, נאר אונזער גאנצער וועזן איז נאר צו אנטפלעקן אז השי"ת איז אסאך העכער, אזוי ווייט אז מען קען עס גארנישט נאכפארשן, און דאס איז מער ווי די גאנצע וועלט באשאף וועלכע איז ווי גארנישט ביי אים. דאס איז די ריכטיגע פארבילד פון א איד.

# פסח אדער שבועות?

**אברהם יצחק:** האסט דערמאנט אין דיינע ווערטער אז דווקא ביי יציאת מצרים איז אנטפלעקט געווארן אז השי"ת האט אויסדערוועלט אין אונז, און נאר דורכ'ן דאס געדענקען פארשטייען מיר די באציאונג פון אים צו אונז. אבער דאס איז מיר נאכנישט קלאר, ווייל דאס האט זיך נאך פילפאכיג אנטפלעקט ביי קבלת התורה, וואס דאן האט השי"ת געזאגט אז ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער, מיר זאלן זיין פאר אים אן אויסדערוועלטער פאלק?

**משפיע:** ערשטנס, ביי קבלת התורה האט השי"ת אנגעפאנגען מיט דעם, "אנכי ה' אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים", און די ספה"ק שטעלן זיך דערויף פארוואס האט זיך דער באשעפער נישט באצויגן צו דעם אז ער האט אונז באשאפן? אבער דאס איז טאקע די נקודה: ביי יציאת מצרים איז אנטפלעקט געווארן אז אויך כלל ישראל געהערט נישט צו די באגרעניצונג פון די נאטור, מיר דינען אים און באהעפטן זיך אין אים העכער ווי די נאטור. **אזוי איז געגרינדעט געווארן אונזער פאלק אין אן אומנאטורליכע וועג, אונז צו לערנען אז מיר געהערן בכלל נישט צו די גשמיות'דיגע וועלט**, און דערפאר איז דווקא דער איד - דער וועלכער קען זיך גענצליך מבטל זיין פאר השי"ת אן קיין שום רעכענונג אדער טראכט איבער זיך, דעריבער איז אונזער בחירה אין אים געווען דווקא אין אן אופן וואס מיר זענען גענצליך מבטל דעם טבע.

נאכמער, ביי יציאת מצרים האט זיך אויך אנטפלעקט די ליבשאפט פון השי"ת, ווייל ער איז דער וואס האט אונז ארויסגענומען פון דעם שרעקליכן נידריגן צושטאנד, און מיט זיין רחמנות האט ער זיך אליין געוואנדן צו אונז און אונז ארויסגענומען. ער האט אונז געברענגט צום דערהויבענעם מעמד אז מיר זענען געשטאנען ביים מעמד הר סיני און געזאגט 'נעשה ונשמע'.

**אברהם יצחק:** אבער איידער מיר שליסן, וויל איך אויפברענגען איבער א קליינע שאלה וואס דו האסט פריער דערמאנט. וואס וואלט געווען ווען מיר וואלטן נישט אראפ קיין מצרים, וואלט געקענט בכלל באשאפן ווערן א כלל ישראל?

**משפיע:** כלל ישראל האט געמוזט באשאפן ווערן דווקא דורך יציאת מצרים. די נקודה דא איז קלאר אז דאס וואס השי"ת האט אויסגעוועלט אין אונז איז דורכ'ן גענצליך אוועקנעמען יעדער נאטורליכע באגרעניצונג, און דאס וואלט יעדנספאל געטון געווארן, ווייל דווקא אזוי איז געבויט געווארן דער פארבינדונג צווישן השי"ת מיט די אידן. דאס דרוקט אויס אז מיר זענען באהאפטן און פארבונדן אמת'דיג צום בורא וועלכער איז העכער און דערהויבענער פון די גאנצע וועלט באשאף, און אלעס איז גארנישט מיט נישט, ווי שוין גערעדט.

**אברהם יצחק:** יישר כח, מורא'דיג קלאר.

**משפיע:** און נאך א רגע'לע... יעצט כאפ איך אז דער רעדן צווישן אונז איז די זעלבע דיבורים וועלכע זענען געווען צווישן הרה"ק ר' בונם פון פשיסחא זי"ע וועלכער האט געפרעגט פאר זיין תלמיד דער הייליגער קאצקער זי"ע, פון וואו האט ער גענומען זיין התעוררות צו עבודת ה'. האט אים דער קאצקער געענטפערט פון דעם פסוק "שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה". ווייל פשוט פשט לויט ווי מיר שאצן אפ מיינט דער ענטפער ווי דיינע ווערטער, אז דורך די בריאה דערקענען מיר דעם בורא. אבער זיין רבי, דער הייליגער פון פשיסחא האט אים געענטפערט: "אידן דארפן נעמען התעוררות פון יציאת מצרים", וואס לויט ווי מיר האבן יעצט געשמועסט ווערט עס אויסגעקלארט. פארשטייט זיך אבער אז די זאכן זענען זייער טיף און ווערן ברייט אויסגעשמועסט אין די הייליגע ספרים. (קוק צום ביישפיל אין ספה"ק 'שם משמואל' (בראשית תער"ב), און אין נאך).

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**דער באשעפער נעמט ארויס פון מצרים יעדן איינעם פון אונז, די איינציגסטע תנאי איז נאר "צו וועלן" ארויסגיין (אזויזוי אין מצרים ווער ס'האט נישט געוואלט איז געבליבן).**

הרה"ק הישמח ישראל זי"ע


נדבת הרה"ח ר' **פנחס פסטרנק** שליט"א
מאנסי
לרגל הולדת בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע ירווה ממנו רוב נחת

נדבת הרה"ח ר' **שמעון זילבער** שליט"א
לייקוואד
זכות מרן הבעש"ט ותלמידיו זי"ע תעמוד לו לברכה והצלחה בכל העניינים

# אהבת ה' וואס קומט פון אמונה

## אור פון פסח: קלארע ליכטיגע אמונה וואס ברענגט אמת'ע אהבת ה', אזויווי כלל ישראל ביי יציאת מצרים און קריעת ים סוף

ראובן און שמעון ארבעטן ביי די זעלבע ארבעט.ביידע זענען געווען באדינערס פונעם גרויסן עושר, וואס איז טאקע געווען געבענטשט מיט גאלד און זילבער אן א שיעור, אבער אויסער דעם - גארנישט. קינדער האט ער נישט געהאט, משפחה קרובים אויך נישט, נאר מיט זיין געלט האט ער זיך געדונגען א צאל געטרייע משרתים וואס האבן געטון פאר אים אלעס וואס האט אויסגעפעלט. זיי האבן טאקע געטון זייער ארבעט באמנות, אבער טיף אין הארצן האבן זיי געהאפט אז... זיי וועלן באקומען א פעטן טייל פונעם גרויסן רייכטום, נאך די אריכות ימים פון דעם גביר...

די אפיציעלע אויפגאבע פון ראובן און שמעון איז געווען צו פירן די גרויסע פאבריקן וואס האבן באלאנגט צום גביר, און זיי האבן עס ווירקליך געטון מיט ישרות און ערליכקייט. אבער מיט די יארן האט שמעון 'באמערקט' אז דער עושר האט זיך 'פארליבט' אין ראובן. נישט

> נישט בלויז 'וויסן' אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. אמונה מיינט פילן און פארשטיין אז ס'איז נישט פארהאן קיין שום מציאות אויסער אים

נאר וואס אויסער די חודש'ליכע געהאלט שענקט ער אים טייערע ווערדפולע געשאנקען, און נישט נאר וואס ער נעמט אים מיט און באטייליגט אים ביי יעדן אויספלוג אדער פארברענג, נאר צוביסלעך האט ער אים אויך אנגעהויבן אוועקצוגעבן שיינע טיילן פון זיינע פאבריקן, אויפנעמענדיג אים אלס אייגנטומער, און אריבערפירנדיג אונטער זיין אייגנטום נאך און נאך פארמעגנס. דאגעגן ער, שמעון, באקומט טאקע א שיינעם געהאלט, אבער גארנישט אויסער דעם.

אין זיין ווייטאג האט ער זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר זיין נאנטער חבר, און יענער, וועלכער האט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, האט אים ערקלערט דאס וואס ער וואלט געדארפט אליין פארשטיין, ווען ער וואלט נאר צוגעלייגט אביסל אויפמערקזאמקייט: דו, שמעון, ארבעטסט טאקע און דו טוסט אלעס וואס מ'פארלאנגט פון דיר, דו ארבעטסט די שעה'ן וואס דו דארפסט ארבעטן, אבער גארנישט מער פון דעם. אין דיין ארבעט דערקענט זיך נישט קיין שפור פון ליבשאפט. דו ארבעטסט נישט פאר אים, דו טראכסט נאר בלויז פון זיך און פארטיג. דו ווילסט באקומען דיין געהאלט און דאס איז עס. אויב דאס איז וואס דו געבסט - איז דאס וואס דו באקומסט...

וויאזוי פארגלייכסטו זיך צו ראובן?! **ער האט אמת'דיג ליב זיין האר, ער טוט מער פון וויפיל ער קען, כדי אים צו דערפרייען און אויפלעבן. מער פון וויפיל ער טראכט פון זיך - טראכט ער וועגן זיין ארבעטס־געבער.** דעריבער קומט אים מיט רעכט א שטיק פון דעם עושר. אויב ער איז 'ארויס פון זיך' פאר זיין ארבעטס־געבער, קומט אים דאך אז דער ארבעטס־געבער זאל 'ארויסגיין פון די כלים' פאר אים, און נישט נאר באצאלן פאר די שעות און מיה, נאר אינגאנצן אן קיין חשבונות. און ווען אזא גביר ווי ער גייט ארויס פון די כלים, איז פארשטענדליך אז ס'רעדט זיך פון געלט אן א גרעניץ...

## אהבה = ארויסגיין פון זיך

אין די גשמיות'דיגע וועלט איז דער משל נישט רעאליסטיש. ווייל א גשמיות'דיגער מענטש מיינט נישט אמת'דיג דעם צווייטן. צומאל זענען פארהאן אזעלכע וואס טוען עס אויף א קלוגן אופן אז ס'זאל אויסזען ווי גלייך זיי מיינען אמת'דיג די טובה פונעם גביר, און עס געלונגט זיי צו באהאלטן זייערע אמת'ע כוונות אז זיי ערווארטן נאר א שיינע ירושה...

און אפילו ווען ס'איז יא א ריכטיגע ליבשאפט, איז עס נאך אלץ ווייט פון 'ארויסגיין פון זיך' פארן צווייטן; פשוט ווייל די מדה און כח 'ארויסצוגיין פון זיך' פארן צווייטן, עקזיסטירט אינגאנצן נישט אין די גשמיות'דיגע וועלט... אבער דורכ'ן משל קענען מיר כאטש פארשטיין דעם ענין, אז אויב עס וואלט געווען אזא מציאות פון אן אמת'ע אהבה, פון ארויסגיין פון די עגאאיסטישע געדאנקען און טראכטן בלויז פאר די טובה פונעם גביר, קומט אים דערפאר אן ענדלאזער באלוין, אן קיין צוגלייך צו דעם וואס ער האט פאקטיש געטון. ווייל אזויווי ער איז ארויס פון די גלייזן פארן צווייטן - אזוי וועט דער צווייטער ארויסגיין פון די גלייזן פאר אים.

אויב מיר וועלן אריינטראכטן וועלן מיר זען אז די נקודה איז, אז דער באדייט פון אהבה איז "ארויסגיין פון זיך פארן צווייטן". אזויווי דער לשון קדשו פונעם רמ"ק אין זיין הייליגן ספר 'תומר דבורה', וואו ער רעדט וועגן די מדה פון אהבה: **"עִקַּר כְּנִיסַת הָאָדָם אֶל סוֹד הַחֶסֶד הוּא, לֶאֱהֹב אֶת ה' תַּכְלִית אַהֲבָה, שֶׁלֹּא יַנִּיחַ עֲבוֹדָתוֹ לְשׁוּם סִבָּה, מִפְּנֵי שֶׁאֵין דָּבָר נֶאֱהָב אֶצְלוֹ כְּלָל לְעֵרֶךְ אַהֲבָתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְלָזֶה יְתַקֵּן תְּחִלָּה צָרְכֵי עֲבוֹדָתוֹ, וְאַחַר כָּךְ הַמּוֹתָר יִהְיֶה לִשְׁאָר הַצְּרָכִים. וְתִהְיֶה הָאַהֲבָה הַזֹּאת תְּקוּעָה בְּלִבּוֹ, בֵּין יְקַבֵּל טוֹבוֹת מֵאֵת הקב"ה וּבֵין יְקַבֵּל יִסּוּרִין וְתוֹכֵחוֹת, יַחְשְׁבֵם לְאַהֲבָה לוֹ, כְּדִכְתִיב 'נֶאֱמָנִים פִּצְעֵי אוֹהֵב', וּכְדִכְתִיב 'וּבְכָל מְאֹדֶךָ' וּפֵרְשׁוּ בְּכָל מִדָּה וּמִדָּה..."**

## אמת'ע אמונה ברענגט אהבת ה'

ווען מיר וועלן פארשטיין, אז **דער יסוד פון מידת האהבה איז אַן עבודה אָן קיין גבול, אן קיין חשבונות, און אן קיין שום זאך וואס קען עס פארמיידן**, וועלן מיר פארשטיין דעם שייכות פון מדת אהבה צום ענין פון אמונה - לויט ווי ס'איז באקאנט, אז די מרכבה און שורש פון מדת אהבה איז געווען אברהם אבינו וועלכער ווערט אנגערופן "אברהם אוהבי", און ער איז געווען די מרכבה פון מדת החסד אויף דער וועלט, וואס דאס איז מדת אהבה, און אזוי אויך איז ער געווען דער 'ראש המאמינים'. לכאורה מיטן ערשטן בליק זעען אויס מדת אהבה און דער ענין פון אמונה ווי צוויי באזונדערע זאכן, וואספארא שייכות האט איינס מיטן צווייטן?

נאר דער ענין איז, אז **אמונה מיינט נישט בלויז 'וויסן' אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. נאר אמונה מיינט פילן און פארשטיין אז ס'איז נישט פארהאן קיין שום מציאות אויסער אים, אז ס'איז אינגאנצן נישטא אזא זאך וואס הייסט וועלט, ווייל אלעס איז דער באשעפער, אפס זולתו ואין בלתו. די טיפע אנערקענונג ברענגט דעם מענטש צו דינען דעם באשעפער אן קיין גרעניץ.** ער ארבעט אן קיין גרעניץ, ווייל ס'איז נישטא קיין גרעניץ. ער דערשרעקט זיך נישט פון קיין שום אפהאלט אדער שטער, ווייל ס'איז אינגאנצן נישט פארהאן אזא באגריף וואס הייסט אפהאלט אדער שטער. עס איז אים קלאר אז אין עוד מלבדו, ס'איז נישט פארהאן קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס איז נישט פון באשעפער, און דעריבער איז נישטא קיין שום באגרעניצונג אים צו דינען. אזוי דינט ער דעם באשעפער 'מאהבה' - וואס איז פשט, ווי אויבנדערמאנט, אַן עבודה אָן קיין גבול און תכלית. און אזא עבודה ברענגט אראפ אויף דעם מענטש א שפע אן קיין גבול, און א קדושה אן קיין סוף - מדה כנגד מדה.

## קלארע אמונה ביי יציאת מצרים

דאס איז די שפע וואס ווערט נתעורר אינעם הייליגן יום טוב פסח. ווייל דער יו"ט איז מרמז אויף אברהם אבינו, ווי ערקלערט אין טור (סי' תי"ז), אזוי אויך אין של"ה הק' (פסחים, נר מצוה ג') און אין אנדערע ספרים. אין דעם יו"ט ווערט ערוועקט די אהבה פון אברהם אבינו, פסח איז דער יו"ט פון אמונה, און עס ווערט ערוועקט די אמונה פון כלל ישראל וואס האט זיך אנטוויקלט ביי יציאת מצרים און קריעת ים סוף.

און אזוי ווערט אויך נתבאר אין הייליגן 'מאור עיניים' (דברים) די פארבינדונג פון די צוויי:

ווען דער אויבערשטער האט זיך אנטפלעקט און געוויזן פאר כלל ישראל זיין איינציגע מציאות אויף דער וועלט דורך נסים ונפלאות, האט זיך געשטארקט זייער אהבה צו השי"ת. **"כִּי יִשְׂרָאֵל בְּעֵת עֲלִיָּתָן מִמִּצְרַיִם אָחֲזוּ מְאֹד בְּמִדַּת הָאַהֲבָה לַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, עֲבוּר גֹּדֶל הַנִּסִּים וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁרָאוּ בְּעֵינֵיהֶם, נִתְקַע בִּלְבָבָם עֲבוֹתוֹת אַהֲבָתוֹ יִתְבָּרַךְ מְאֹד."** די נסים וואס די אידן האבן געזען, נישט נאר וואס עס האט אויסגעדריקט די אהבה פון השי"ת צום אידישן פאלק, נאר עס האט אויך אוועקגעשטעלט די קלארע ליכטיגע אמונה אז ס'איז נישטא קיין שום כח אויף דער וועלט, קיין שום טבע אויף דער וועלט, און די גאנצע בריאה איז בטל פאר די אהבה פון השי"ת צו זיינע קינדער. **די קלארע אנערקענונג האט געשאפן אין די הערצער פון כלל ישראל די אמת'ע אהבה**, די אמת'ע עבודה אן קיין שום באגרעניצונג און אפהאלט.

און דעריבער האבן זיי אויך זוכה געווען צו אן אור מן השמים מדה כנגד מדה, ווי דער מאור עיניים זאגט ווייטער, **"לָכֵן הָיָה הַבּוֹרֵא ב"ה מַנְהִיגָן גַּם כֵּן בְּזֹאת הַמִּדָּה, עַל פִּי הַחֶסֶד, וְעָשָׂה עִמָּהֶן טוֹבוֹת וְנִפְלָאוֹת שֶׁלֹּא עַל פִּי הַטֶּבַע, כְּמוֹ שֶׁהֵן עָשׂוּ מֵחֲמַת גֹּדֶל אַהֲבָתוֹ יִתְבָּרַךְ דְּבָרִים שֶׁלֹּא עַל פִּי הַטֶּבַע... לְגֹדֶל אַהֲבָתוֹ יִתְבָּרַךְ וּלְגֹדֶל אֱמוּנָתוֹ שֶׁהֶאֱמִינוּ בּוֹ יִתְבָּרַךְ..."**

## חומרות - און גרעניצן

יעדעס יאר ערוועקט זיך דער אור אין יעדע אידישע הארץ אין דעם הייליגן יום טוב. ווייל מיטן כח פון די קלארע אמונה איז ער זוכה צו אן עבודה פון אהבה. וויבאלד די קלארע אמונה אז 'אין עוד מלבדו' האט גאר א שטארקע רעזולטאט אויף די עבודה פונעם מענטש, ער זאל אנהייבן ארויסגיין פון אלע הבלי העולם, **נישט פראבירן זיך 'מסדר זיין' אין די וועלט מיטן באשעפער'ס מצוות, נאר זיך אינגאנצן נישט רעכענען מיט די וועלט און צונישט מאכן אירע הבלים און ענינים.**

און דאס איז טאקע דער שורש פונעם מנהג ישראל מחמיר צו זיין פסח ווי ווייט מעגליך, און זיך דערווייטערן אפילו פון זאכן וואס האבן געהאט א חשש פון חמץ פאר הונדערט יאר צוריק... נישט צוליב דעם חשש, נאר צוליב די אהבה, צוליב די התרוממות פון די הבלי העולם, צוליב די עבודה למעלה מן הטבע.

דאס איז דער יו"ט וואס אין איר ווערט איינגעווארצלט די אמונה שלימה, אזא אמונה וואס ברענגט אהבה. און דעריבער ווערט עס אנגערופן "חג חרותינו" - מען ווערט באפרייט פון די גשמיות'דיגע נאטור. אין דעם יו"ט ווערט געגעבן פארן מענטש די געלעגנהייט ארויסצונעמען זיין נשמה פונעם צמצום אין די עבודה, פון אזא עבודה וואס קען ווערן געשטערט און אפגעהאלטן, פון אן עבודה וואס ווערט געטון פויל און פארשלאפן. מיטן כח פון די הייליגע מצות וואס מיר עסן אין דעם דאזיגן יו"ט, וואס ווערן געמאכט מיט א זריזות און ווארעמקייט, אן קיין שום עצלות און שווערקייט, אן זיך צו פארזוימען קיין צייט, נאר מיט א שנעלקייט וואס איז למעלה מן הזמן, העכער די באגרעניצונגען פונעם עולם הגשמי.

אזא עבודה ערוועקט אויפן מענטש א רוחניות'דיגע שפע פון הימל וואס איז אן קיין שום גרעניצן, א שפע פון השי"ת'ס ליכטיגקייט אן קיין גרעניצן, און א שפע פון ניסים ונפלאות וואס השי"ת וועט טון פאר אונז בזמן הזה אזויווי בימים ההם. ס'זאל שוין מקוים ווערן ביי אונז "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", בב"א.

# וואס מיינט מסירות נפש?!

טויזנטער אידן האבן זיך געשטופט ארום דעם וואגן וועלכער האט זיך שווער דורכגעשלענגלט די וועג צום שטעטל. זייער התרגשות איז געווען אזוי גרויס, אז זיי האבן עס נישט געקענט איינהאלטן. זיי האבן זיך שוין נישט פארגעשטעלט אז זיי וועלן נאך אמאל זוכה זיין צו זען זייער רבי'ן, און אט לעבט ער, קיין שום שלעכטס האט אים נישט געטראפן.

דאס שטעטל איז געווען ליבאוויטש, און דער רבי איז געווען דער הייליגער 'צמח צדק' זי"ע, וועלכער איז יעצט געווען אויפן וועג צוריק פון א גרויסע פארזאמלונג פון רבנים אין פעטערבורג, וועלכע האט זיך געצויגן דורכאויס דעם גאנצן פארגאנגענעם זומער.

ווי באקאנט, איז דער צוזאמקום געווען פארבונדן מיט מסירות נפש ממש. די רוסישע הערשאפט האט געוואלט באשולדיגן אז ווער פון די אנוועזנדע ביי דעם פארזאמלונג וועלכע וועלן זיך קעגנשטעלן צו די 'תיקונים' אין אידישקייט וואס דער אינערן מיניסטער וועט פאדערן אין שליחות פון די משכילים, וועט באשולדיגט ווערן אלס ווידערשפעניגער אין די מלוכה. אבער דער 'צמח צדק' האט זיך מיט דעם אלעם קעגן געשטעלט.

יענער גאנצער זומער פון יאר תר"ג איז געווען איין שטיק מסירות נפש. שביעי של פסח פאר דער פארזאמלונג האט דער 'צמח צדק' איינגעווארצלט זיין שארפער ווארט: **"שביעי של פסח איז דער ראש השנה פאר מסירות נפש."** דורכאויס די פארזאמלונג אליין האט ער אויך דעבאטירט און אויפגעוויזן פאר די אנדערע גדולי ישראל וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די פארזאמלונג אז ס'איז דא א פליכט צו גיין מיט מסירות נפש קעגן די גזירות פון די השכלה. ער איז ארעסטירט געווארן 22 (!) מאל דורכאויס די פארזאמלונג, און אויך עטליכע מאל געסטראשעט געווארן מיט טויט שטראף, אבער ענדע האט זיין מסירות נפש געזיגט און די גזירות זענען בטל געווארן. (נאך וואס אלע אנדערע אידישע קהילות אין רוסלאנד האבן געשעפט שטארקייט פון זיין קלארער שטעלונג און אפגעהאלטן תעניתים מיט ימי תפילות פארן באשעפער, האט דער שטורעם צוגעברענגט אז דער רוסישער אינערן מיניסטער האט צוריקגעצויגן).

יעצט איז דער 'צמח צדק' צוריק געקומען צו זיין שטעטל, און די חסידים האבן זיך צאנגעשטופט ארום דעם וואגן, באוואונדערנדיג די געוואלדיגע מסירות נפש פון זייער רבי. "ווי ווייט האט זיך דער רבי מוסר נפש געווען," האבן די חסידים נישט אויפגעהערט צו רעדן צווישן זיך.

דער צמח צדק האט זיך אויסגעדרייט צו זיינע חסידים וועלכע האבן אויפגעטרייסלט מיט פארכט אויסדרוקנדיג זיין וואונדער: "דאס רופט איר מסירות נפש? קומט וועל איך אייך דערציילן וואס מסירות נפש מיינט." און ער האט דערציילט דאס פאלגענדע:

יענקל איז געווען א ווייַן סוחר.

א סוחר, אבער נישט אליין א ווייַן פאבריצירער. ער פלעגט נעמען ווייַן פון פארשידענע ווייַן פאבריצירער, זיי געפירט אין מארק, און זיי פארקויפט פאר א גוטע פרייז. ווען צוריק קומענדיג האט ער באצאלט פאר די פאבריצירער דאס געלט וואס קומט זיי. אזוי איז געווען אסאך יארן. גענומען די ווייַן פון די וואס מאכן עס, געפארן אין מארק, פארקויפט און צוריק געקומען באצאלן.

איין פרייטאג צופרי האט זיך יענקל אפגעשטעלט מיט זיין ווייַן וועגעלע אין א האטעל אויפן וועג, נאנט צו מעזיבוש, די שטאט פון זיין רבי'ן הרה"ק ר' ברוך'ל זי"ע. ער האט זיך געשטעלט דאווענען, און א געוואלדיגע התעוררות האט אים אריינגעשיינט אין הארץ, ברענגענדיג אים א גרויסער זארג. "ואתה מחיה את כולם", האבן אים אויפגעלויכטן די ווערטער, אבער פארוואס בין איך אזוי ווייט צו לעבן מיט דעם?!

נו, וואס טוט א חסיד אין אזא עת צרה? מען גייט אריין צום רבי'ן.

יענקל האט פארגעסן פון זיין וואגן מיט די ווייַן, דעם האטעל מיט די דארשטיגע פויערן וואס פילן איר אן, און זיך געוואנדן צום שטאט, אפצורעדן זיין צער פארן רבי'ן. מעגליך אז ס'וועט זיין גענוג בלויז צו זען זיין הייליגער געזיכט. ער וועט זיך צוהערן צו זיין דאווענען, וועט אים שוין גרינגער ווערן. ער וועט אנפאנגען צו מיטלעבן די געטליכע לעבהאפט וועלכע געפינט זיך אין יעדע איינצעלנער געגנשטאנד וואס געפינט זיך אין די בריאה.

אין מעזיבוש האט אים אפגעווארט בזיונות.

ווען ר' ברוך'ל האט געהערט אז יענקל האט אפגעלאזט זיין ווייַן וועגעלע האט ער אים אנגעהויבן אנשרייען פאר זיין גרויסע הפקרות. "ווי קען עס א איד זיך אזוי פירן מיט זיין געלט, און נאך מיט די געלט פון אנדערע?!" האט דער רבי אים פארגעהאלטן.

די בזיונות וועלכע יענקל איז אריבער פרייטאג איז ווייט נישט גענוג געווען. א גאנצן שבת איז דער רבי געווען פארנומען אים צו פארשעמען, ביינאכט, אינדערפרי און מיטאג, פאר די סעודה, נאכדעם און אין יעדע געלעגנהייט, נאכאנאנד אן קיין אפשטעל, ביז די זאך האט ארויסגערופן וואונדער ביי די אנוועזנדע.

מוצאי שבת האט זיך דער מחותן פון רבי'ן, הרה"ק ר' אברהם דוב פון חאמעלניק זי"ע, וועלכער האט פונקט יענעם שבת געוויילט אין הייליגן הויף, זיך דערוואגט און געפרעגט דעם רבי'ן: "מחותן, וואס איז מיט 'המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא'?"

אז דער מחותן האט געפרעגט האט דער רבי געמוזט ענטפערן, און אזוי איז ער געווען געצווינגען צו אנטפלעקן דעם געהיימעניס אויפמאכנדיג א קליינעם שפאלט צו די וועלט פון די צדיקים און צו זייער מסירות נפש.

"ס'זעט דיר אפשר אויס אז איך ווייס נישט פון דעם מאמר חז"ל?" האט זיך דער רבי געוואונדערט פאר זיין מחותן. "נאר וואס, דאס איז די זאך. איך בין גרייט געווען צו דערלייגן מיין עולם הבא, דער עיקר אז א איד זאל נישט פארלירן זיין געלט."

דא זענען אלע פארשוויגן געווארן, און דער רבי האט ערקלערט: "פון ווען יענקל האט אפגעלאזט דעם האטעל האבן די פויערן געוואלט איבערפאלן דעם וואגן און אים אויסליידיגן, אבער דורך די בזיונות וועלכע איך האב אים צוגעטיילט דורכן שבת איז דער וואגן אפגעהיטן געווארן און די פויערן האבן זיך געשראקן צוצוקומען צו דעם. יעצט יענקל," האט זיך דער רבי געווענדעט צו זיין חסיד, "לויף שנעל צום וואגן, קיין איין גוי'איש האנט האט נישט צוגערירט צו דעם."

"הערט איר?" האט דער 'צמח צדק' פארענדיגט. "דאס איז מסירות נפש! נישט נאר די וועלט, נאר אויך יענע וועלט! און אויף וואס? נישט איבערן לעבן פון א איד, נאר אפילו איבער דאס געלט פון א איד!"

מקור: בוצינא דנהורא - תולדות

# פסח'דיגע חומרות

**פארשטארקן די שמירה אויף פסח און א גאנץ יאר קעגן שאור שבעיסה • ביי וועמען איז עס שווער און ביי וועמען גרינג? • פארוואס אין יעדן דור האט מען מוסיף גדרים און גזירות אויף מצוות? • א ליכטיגע בליק איבער גדרים וסייגים בכלל**

## שאלה:

ס'איז מיר זייער שווער מיט די פיל חומרות וואס די חסידים האבן איינגעפירט פסח, און דאגעגן זע איך אסאך וואס נעמען עס אן אזוי לייכט. כ'וויל פארשטיין וואס איז דער אונטערשייד צווישן מיר און זיי, פארוואס איז עס ביי מיר אזוי שווער און ביי זיי אזוי גרינג?

אזוי אויך הער איך אסאך אז מ'דארף אריינברענגען א שמחה אין די בני בית און קינדער מיט די חומרות, האב איך געוואלט הערן איבער דעם, וויאזוי טוט מען עס?

## תשובה:

דער אונטערשייד צווישן די וואס נעמען אן שווער די חומרות, און צווישן די וואס נישט נאר וואס זיי נעמען עס אן לייכט, נאר זיי פרייען זיך נאך דערמיט, און **דאס גייט אויך אריבער צו זייערע קינדער** (און דא וועסטו באקומען דעם ענטפער אויך אויף דיין צווייטע שאלה), איז פשוט די שעצונג און אינערליכע התחברות צו זייער באדייט.

דו קענסט נעמען דערויף אביישפיל פון יעדע זאך אויף דער וועלט. נעם דיר צוויי ארבעטערס, איינער איז געפאנגען אין תפיסה און ארבעט אומזיסט, אבער גאר א לייכטע ארבעט, און דער צווייטער ארבעט פאר א פעטן געהאלט, אבער מיט גרויס פלאג און הארעוואניע. און - וואונדער איבער וואונדער: דער געפאנגענער שפירט אז די לייכטע ארבעט איז געפערליך שווער, און דער איינגעשטעלטער פילט א געוואלדיגע שמחה מיט זיין שווערע ארבעט... וויאזוי איז עס מעגליך? זייער פשוט. ווען די שוועריקייט צאלט זיך אויס, דעמאלט קען מען אריבערטראגן סיי וועלכע שוועריקייט. און ווען דאס איז אומזיסט, ווערט אויך די מינדעסטע שוועריקייט זיין אומדערטרעגליך.

דער נמשל איז: אויב דו שעצסט און האלטסט די חומרות פאר טייער, דו ווייסט זייער וואונדערבארע חשיבות, דעמאלטס איז עס נישט שווער. אבער אויב ס'איז דיר שווער, זעט אויס אז דו באגרייפסט נישט די גרויסקייט דערפון.

## חיות און התחברות ביי גדרים וסייגים אזויווי ביי הידור מצוה

לאמיר באמת פארשטיין, פארוואס באגרייפט מען נישט גענוג די גרויסקייט דערפון? פארוואס קען זיין אז מענטשן וואס שעצן זייער פארשידענע הידורים אין מצוות, און זענען אומשטאנד צו באצאלן גרויסע סומעס געלט פאר א מהודר'דיגן אתרוג - ווען עס קומט צו חומרות, גדרים וסייגים, טרעפן זיי נישט קיין חשק און געפיל דערצו?

דאס שטאמט ערשטנס פון א טעות אין דעם בליק אויף אלעס וואס האט א שייכות מיט 'סור מרע'. ווען א מענטש טוט עפעס אין 'עשה טוב', פילט ער אז ער פארבינדט זיך מיטן אויבערשטן, ער מאכט אים א נחת רוח, ער האט דא עפעס געברענגט. דאגעגן ווען א מענטש פארמיידט זיך פון עפעס אין 'סור מרע', פילט ער אז ער האט סך הכל נישט קאליע געמאכט... ער איז אפשר געראטעוועט געווארן פון הארבע זאכן, אבער ער איז נישט מער ווי געראטעוועט געווארן. ער האט נישט געמאכט פארשריט, ער האט דא גארנישט אויפגעטון. דעריבער טוט ער עס אן חשק און שמחה. איינער וואלט זיך געפריידט אז ער האט נישט גע'הרג'עט און בארויבט מענטשן?

און דאס איז א יסודות'דיגער טעות, ווייל חז"ל האבן אונז שוין געלערנט אז "ישב ולא עבר עבירה הרי זו כמו שעשה מצוה", און **יעדע חומרא, גדר און סייג אין וואס דער מענטש איז אפגעהיטן - איז אזויווי א מצוות עשה אין יעדן הינזיכט, און עס ברענגט אראפ אויף אים און אויף די וועלט א געטליכע ליכטיגקייט**. און נישט נאר דאס, נאר **די געטליכע ליכטיגקייט וואס קומט אראפ דורך 'סור מרע' איז נאך העכער ווי די וואס קומט דורך 'עשה טוב'**, ווייל די מצוות לא תעשה זענען פון די אותיות י"ק (לעומת מצוות עשה שהן מאותיות ו"ק).

## חומרא = מצוות עשה פון יראת שמים

און נאכמער: דער הייליגער רבינו יונה איז מבאר, אז יעדער גדר און סייג וואס א מענטש מאכט זיך כדי ער זאל נישט נכשל ווערן מיט קיין איסור, ווערט עס אריינגערעכנט אין די מצוות עשה פון יראת שמים. דאס מיינט, אז אויב דו האסט אפגעמאכט ביי זיך אז דו גייסט נישט צו א געוויסע גאס ווייל דו ווייסט אז ס'קען דיר מכשיל זיין, אדער דו ביסט מחמיר א געוויסע חומרא כדי נישט צוצוקומען צו א חשש חמץ - איז עס נישט בלויז 'סור מרע', נאר פאקטיש 'עשה טוב', און וועלכע 'עשה טוב'? די מצוה פון יראת שמים.

יראת שמים איז די צענטראלע פונקט אין די גאנצע תכלית הבריאה. עס זענען פאראן פיל מאמרי חז"ל אז די גאנצע בריאה איז געווען נאר וועגן יראת שמים. אזוי לערנט מען ארויס פון פסוק "והאלקים עשה שייראו מלפניו", און ווי חז"ל זאגן "אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד", און נאך. פארוואס? וויבאלד די מידה פון יראה איז די ספעציעלע זאך וואס דער מענטש ברענגט פארן באשעפער. ווייל די יראה קומט דווקא מצד דעם חסרון פון דעם נברא, וועלכער געפינט זיך אין א מצב אין וועלכן ער קען זינדיגן, און פונדעסטוועגן גלייבט ער אין השי"ת און האט מורא פון אים. דאס מיינט אז דווקא מצד זיין חסרון קומט ער אן צו דביקות אין השי"ת, און דערמיט פארוואנדלט ער חושך צו אור (אנדערש ווי אהבה און אנדערע מידות וואס קומען נישט דווקא מצד חסרון פון דעם נברא). דאס מיינט, אז ביי יעדער גדר און סייג איז פאראן די צענטראלע עבודה פון די נבראים - איבערצודרייען דעם חסרון און חשכות צו אור.

**צום שלוס:** מחמיר זיין מיינט נישט נאר 'נישט קאליע מאכן', נאר דאס איז א דירעקטע פעולה וואס איז ממשיך דעם אור פון השי"ת, און ערפילט דעם עיקר רצון פון השי"ת אין די בריאה.

יעצט לאמיר פראבירן אפלערנען די פנימיות פון די חומרות, וויבאלד איינס פון די זאכן וואס ערוועקן שעצונג און התחברות צו יעדע מצוה און גוטע פעולה, איז צו וויסן איר פנימיות אזויווי ס'ווערט אונז אנטפלעקט אין די ספרים הק'.

> יעדע חומרא, גדר און סייג אין וואס דער מענטש איז אפגעהיטן ברענגט אראפ אויף אים און אויף די וועלט א געטליכע ליכטיגקייט

## צו פארשטערקערן די ליכטיגקייט איבער די חשכות

אין אלגעמיין ערקלערט דער של"ה הק', אז דער ענין פון די איסורים און תקנות דרבנן וואס באנייען זיך יעדן דור, און אלע גדרים און סייגים וואס זענען באנייט געווארן דורך די חכמי הדורות, איז דערפאר וואס די רע און הסתר שטארקן זיך אין יעדן דור, און כדי דאס אפצושטופן פאדערט זיך א ספעציעלע ליכטיגקייט. און דאס איז דער אור וואס ווערט אראפגעצויגן דורך די איסורים און תקנות, וואס דורך דעם ווערט באזייטיגט די רע און הסתר און עס ווערט נתגלה אז ה' הוא אלקים. און דעריבער באנייען זיך אין יעדן דור גדרים און סייגים, כדי צו שטארקן דעם אור השי"ת איבער די חשכות וואס מערט זיך אין די וועלט. און דער של"ה לייגט צו און אנטפלעקט אונז, אז אויב די תורה וואלט געגעבן געווארן אין אונזערע צייטן, וואלט עס געקומען צוזאמען מיט אלע מצוות, גדרים און סייגים דרבנן. ווייל די תורה איז אונז געגעבן געווארן לויטן מצב פון די שלעכטס וואס איז געווען דעמאלטס, אבער דערפאר האט השי"ת געגעבן א כח פאר די חכמי התורה צוצולייגן גדרים און סייגים אין יעדן דור, כדי זיי זאלן צולייגן א תוספת אור קעגן די פארשטארקטע כוחות הרע.

און דעריבער, יעדע חומרא וואס מ'לייגט צו, איז דוחה די רע און הסתר און שטארקט די געטליכע ליכטיגקייט צו אנטפלעקן דעם באשעפער, ווייל אין עוד מלבדו.

## פארוואס האט דער בעש"ט ותלמידיו איינגעפירט אזויפיל חומרות אום פסח?

און אויב אין אלגעמיין זענען די גדרים און סייגים דוחה די שלעכטס, דאן איז בפרטות, די פסח'דיגע חומרות זענען מבער די רע מיט נאך א שטארקערן כח נאכמער פון אלעס, ווייל די חמץ איז דאך די סימבאל פון שלעכטס. ווי ערקלערט אין די ספרים הק', אז דאס איז די שאור שבעיסה וואס שטערט אונזער רצון צו טון דעם באשעפער'ס רצון, און דעריבער האט די תורה מחמיר געווען דערין מער ווי ביי יעדן איסור, אז ס'ווערט נישט בטל אפילו במשהו. און ווי באקאנט פון אר"י הק', אז איינער וואס איז נזהר פון א משהו חמץ ווערט ניצול פון זינד דעם גאנצן יאר. דער טעם דערצו איז, ווייל דורך דעם ווערט ער נישט צוגעצויגן צו די שלעכטס. לויט דעם וועג האט דער בעש"ט הק' און זיינע תלמידים איינגעפירט פיל חומרות אין פסח, זיך צו דערווייטערן פון א חשש דחשש.

דער עומק הענין איז, אז דאס איז פאקטיש דער אור פון פסח - מבער צו זיין די שלעכטס און זיך היטן דערפון. ווייל דער גאנצער מהות פונעם יו"ט איז דער איסור חמץ. די מצוה פון אכילת מצה איז א חיוב נאר אינעם ערשטן טאג, און אויך ביי די דאזיגע מצה איז דער עיקר מצוה "ושמרתם את המצות", האבן מיר דא ווידער דאס זיך היטן פון שלעכטס. הרה"ק רבי יודא'לע דזשיקוב'ער זי"ע פלעגט נאכזאגן פון צדיקים אויף די משנה, "הפסח אינו נאכל אלא בלילה ואינו נאכל אלא עד חצות ואינו נאכל אלא למנוייו ואינו נאכל אלא צלי", אז ס'שטייט נישט "הפסח נאכל

המשך קומענדיגע זייט <<<

# לשביעי של פסח

## חסידי'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# קטנות? גדלות!

### דווקא נאך די 'קטנות', ווען מען פארבינדט זיך צום אויבערשטן און מען שיינט אריין זיין ליכטיגקייט אויך אינעם פינסטערניש - דעמאלט ווערט די גילוי אויסגעקלארט אויף אן אמת'ן און פולשטענדיגן אופן

ויהי ממחרת השבת, עס זענען אנגעקומען די טעג פון חול המועד, און... ווידער זענען זיך אנגעקומען די געוועגליכע פארמעסטונגען, די נסיונות, די הארץ פארטעמפטקייט, און וואס נישט.

שטייט אזוי דער מענטש און וואונדערט זיך, ווי איז עס מעגליך. נאר נעכטן בין איך געזעסן במורא גדול זו גילוי שכינה, איינזאפנדיג בדחילו ורחימו די מיכלא דמהימנותא, און יעצט פאל איך שוין ווידער אריין אין די הסתרה שבתוך ההסתרה. די פארגרעסערטע הוצאות נעמען מיר ווידער ארויס פון די כלים - ווי גלייך דער וואס האט מיר נעכטן ארויסגענומען פון די טיפענישן פון מצרים מיט צען מכות און גילוי שכינה, קען נישט ח"ו מיר דעקן דעם לאך...

וואס בין איך, א מלאך אדער א גלח? פרעגט ער זיך אליין. צי זענען די אלע געוואלדיגע אורות מלכתחילה נישט געווען אמת'דיג?

און נישט נאר ער. נאך אין די צייטן פון אונזערע עלטערן אין מצרים, איז געפרעגט געווארן די דאזיגע פראגע. אזויווי דער "עבודת ישראל" (שביעי של פסח) פרעגט עס: **"אִיתָא בְּרַשִׁ"י שֶׁכְּשֶׁאָמַר לָהֶם מֹשֶׁה לַחֲזֹר לִפְנֵי בַּעַל צְפוֹן אָמְרוּ אֵין לָנוּ אֶלָּא דִּבְרֵי בֶּן עַמְרָם וְהֶאֱמִינוּ בְּלֵב שָׁלֵם בְּכָל דְּבָרָיו. וּלְפִי זֶה קָשֶׁה מֶה הָיְתָה הַצְּעָקָה אַחַר כָּךְ כְּשֶׁרָאוּ אֶת מִצְרַיִם וַיֹּאמְרוּ הֲמִבְּלִי אֵין קְבָרִים וְגוֹ', וּמַדּוּעַ נָפְלוּ מֵאֱמוּנָתָם מִשְּׁמֹעַ בְּקוֹל ה'"**. נאר נעכטן האבן זיי ארויסגעוויזן אזא געוואלדיגע פעלזן-פעסטע אמונה, און שוין זענען זיי געפאלן?!

## קטנות - כדי ארויסצוברענגען קלארער דעם אמת

דער עבודת ישראל ערקלערט פריער, אז ווען די אידן זענען געשטאנען פארן בעל צפון איז עס געווען אינעם צווייטן טאג פון ספירת העומר, וואס דאס איז א טאג פון 'גדלות', און דאגעגן ווען זיי האבן געזען די מצריים איז עס געווען אויפן זעקסטן טאג - וואס דאס איז א טאג פון 'קטנות'. פרעגט זיך אבער די פראגע, פארוואס טאקע האט השי"ת געמאכט אז די אידן זאלן דעמאלט זיין אין א מצב פון 'קטנות'? און ער ברענגט ארויס אז דער גאנצער קריעת ים סוף וואלט נישט פאסירט אויב עס וואלט נישט געווען יענע 'קטנות'.

**"כֵּיוָן שֶׁבַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי נִתְקַטְּנוּ הַמֹּחִין וְהָיָה יְרִידַת הַמַּדְרֵגוֹת, מִזֶּה עַצְמוֹ הִרְגִּישׁוּ הַמִּצְרִיִּים בְּטֻמְאָתָם וּבְכִשּׁוּפָם וְלֹא הֵבִינוּ הַדָּבָר לַאֲמִתּוֹ, רַק שֶׁהֶעֱלוּ בְּדַעְתָּם כִּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְבוּכִים הֵם בָּאָרֶץ וְיָרְדוּ מִמַּדְרֵגָתָם לְגַמְרֵי עַד שֶׁרָדְפוּ אַחֲרֵיהֶם.**

**"וְהִנֵּה כָּל זֶה הָיָה מֵחַסְדֵי הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וְקַטְנוּת הַמֹּחִין הָיָה יְרִידָה צֹרֶךְ עֲלִיָּה, כִּי לוּלֵא קַטְנוּת הַמֹּחִין שֶׁל יִשְׂרָאֵל לֹא חִזְּקוּ הַמִּצְרִיִּים אֶת רוּחָם לִרְדֹּף אַחֲרֵיהֶם בַּיָּם וְלֹא טָבְעוּ בַּיָּם וְלֹא נִתְכַּבֵּד כְּבוֹד שָׁמַיִם. כִּי אֵיךְ נוֹאֲלוּ שָׂרֵי צֹעַן אַחֲרֵי כָּל הַמַּכּוֹת שֶׁהֻכּוּ וְאַחֲרֵי כָּל הַנִּסִּים שֶׁרָאוּ שֶׁיָּצְאוּ בְּיָד רָמָה וְעַתָּה רָאוּ קְרִיעַת יַם סוּף וַיִּתְחַזְּקוּ עוֹד לָשׁוּט בִּמְצוּלָה.**

**"אֶלָּא הָעִנְיָן כַּנַּ"ל מֵחֲמַת שֶׁהִרְגִּישׁוּ עַל יְדֵי אִצְטַגְנִינוּתָם אֶת קַטְנוּת הַמֹּחִין, אָמְרוּ בְּלִבָּם שֶׁמּוֹשִׁיעָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל הָיָה רַק עַל פִּי שְׁמוֹת אֱלֹקִים, וְהוּא אֱלָהָא דֶּאֱלָהַיָּא, וְנָתַן הַמֶּמְשָׁלָה לְכֹחַ אֶחָד בַּשָּׁמַיִם הַמַּנְהִיג אֶת יִשְׂרָאֵל וְלִפְעָמִים יוֹרֵד הַכֹּחַ וּקְצָרָה יָדוֹ מֵהוֹשִׁיעַ, וְכַאֲשֶׁר הֶאֱרַכְנוּ בְּטָעוּתָם כַּמָּה פְּעָמִים.**

**"אֲבָל כַּאֲשֶׁר טָבְעוּ בַּיָּם וְרָאוּ כָּל הַגְּבוּרוֹת שֶׁהֵם חֲסָדִים לְיִשְׂרָאֵל, הֵבִינוּ כִּי שֵׁם הֲוָיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים, וְאֵין עוֹד. 'וְאָמְרוּ מִצְרַיִם אָנוּסָה מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי ה' נִלְחָם לָהֶם בְּמִצְרָיִם' - ה' דַּיְקָא, דְּהַיְנוּ כִּי כָּל הַמִּלְחָמוֹת הָיוּ עַל יְדֵי שֵׁם הֲוָיָ"ה."**

דווקא נאך א מאמענט פון אמת, פון אנטפלעקן דעם אור ה', קומט ווידער אן די חשכות. און דאס האט א ציל: כדי צו אויסקלארן און אוועקשטעלן דעם אמת אויפן פלאץ, מיט די פולסטע שטארקייט, און אויפן קלארסטן אופן. די אנטפלעקונג אליין איז נאכנישט געווען פולקאם קלאר, און אזוי למשל האבן די מצריים געקענט מיינען אז ס'איז נישט אינגאנצן, אבער **דווקא נאך די 'קטנות', נאך די שוועריקייט, ווען מען פארבינדט זיך צו השי"ת און מען שיינט אריין זיין ליכטיגקייט אויך אינעם פינסטערניש און 'קטנות' - דעמאלט ווערט די אנטפלעקונג אויסגעקלארט אויף אן אמת'ן און פולשטענדיגן אופן**. און דאן טוען די אורות פונעם סדר נאכט זעלבסט נאכמער שיינען.

## שלימות הגילוי איז געווען שביעי של פסח

**דאס איז דער ענין פון שביעי של פסח.** ביי יציאת מצרים איז נתגלה געווארן אז מיר זענען קינדער פונעם אויבערשטן, אבער נאר נאך די 'קטנות' וואס איז געקומען דערנאך, האבן מיר זוכה געווען אז ביי קריעת ים סוף זאל די גילוי נאכמער נתברר ווערן. **"זֶה הָיָה הֲרִיגַת הַבְּכוֹרִים, וְאָמַר ה' 'בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל', לְהוֹרוֹת כִּי כָּל רֵאשִׁית הַמַּחֲשָׁבָה וּבְרִיאַת הָעוֹלָם לֹא הָיָה אֶלָּא בִּשְׁבִיל בְּנִי בְּכוֹרִי יִשְׂרָאֵל, וּגְמַר הָעִנְיָן נִתְגַּלָּה בִּקְרִיעַת יַם סוּף"**. אבער קריעת ים סוף וואלט נישט געקענט געשען אן דעם וואס עס זאל קומען פריער די 'קטנות' (ווי ערקלערט אויבן), און דווקא דאס האט געברענגט צו 'צוענדיגן' די זאך.

דאס זעלבע איז אויך ביי די פערזענליכע 'יציאת מצרים' פון יעדן איד, ארויסצוגיין פון זיינע פערזענליכע שוועריקייטן. אז דווקא דורכ'ן שרייען צו השי"ת ("ויצעקו אל ה'") אוןביישטיין די נסיונות ("דבר אל בני ישראל ויסעו") אין די מינוטן פון 'קטנות' - שיינט אין אים די 'גדלות' נאכמער.

**דווקא נאכן אנטפלעקן דעם אור ה', קומט ווידער אן די חשכות. כדי אויסצוקלארן און אוועקשטעלן דעם אמת אויפן פלאץ, מיט די פולסטע שטארקייט, און אויפן קלארסטן אופן.**

> וואס בין איך, א מלאך אדער א גלח? פרעגט ער זיך אליין. צי זענען די אלע געוואלדיגע אורות מלכתחילה נישט געווען אמת'דיג?

## המשך >>>

בלילה" און אזוי ווייטער, וויבאלד דער אור פון די ימי הפסח איז דווקא די שמירה און אפקערן פון שלעכטס.

און דער אור פון די ימי הפסח - איז משפיע אויפן גאנצן יאר. ווייל דער גאנצער יאר דריידט זיך ארום יציאת מצרים, וואס דאס איז דער גאנצער איד. די וועלט איז איין גרויסע געדרענג פון טבע, רע און הסתר, און די עבודה פון דעם מענטש איז ארויסצוגיין פון דעם געדרענג צו די ברייטקייט פון די נשמה, איר צו אנטדעקן און זיך באהעפטן אין השי"ת. דעריבער איז דער מענטש זוכה ניצול צו ווערן פון זינד א גאנץ יאר דורך זיך היטן פון חמץ אום פסח, ווייל דער אור פון יציאת מצרים דריקט זיך אויס מיט די שמירה פון חמץ, און דערויף האבן אידן אין אלע דורות צוגעלייגט גדרים וסייגים און פיל חומרות, כדי צו פארשטארקן די שמירה - נישט נאר פסח נאר א גאנץ יאר - פון די שלעכטס און הסתר, און כדי צו זוכה זיין ארויסצוגיין פון די ענגשאפט צו אנטדעקן די נשמה און זיך באהעפטן אין השי"ת.

ווי שטארק דארף מען זיך פרייען מיט יעדע איינציגע חומרא, אז מ'איז זוכה דערמיט מבער צו זיין די שלעכטס און הסתר און צו אנטפלעקן דעם אור ה'. און דורך די שמחה וועט מען זוכה זיין אראפצוברענגען נאכמער ליכטיגקייט, ווי באקאנט פון די ספרים הק' אז דער אור וואס קומט דורך שמחה טוט אויף פיל מער. פארשטייט זיך אז אן פרעשור און אנגעצויגנקייט - וואס איז א סתירה צו שמחה.

**דא איז כדי צוצולייגן א נקודה, צו די וואס טרעפן זיך אין א געוויסע מצב וואס צווינגט זיי מוותר צו זיין אויף א חומרא:** אין די מינוט וואס מיר פארשטייען אז די אלע חומרות קומען מיטן ציל צו ברענגען דביקות אין השי"ת, דאן אויך אויב איינער מוז צוליב סיי וועלכע סיבה מבטל זיין די חומרא (צי וועגן א מנהג אין משפחה, אדער ווייל ס'איז גורם כעס און היפוך רצון ה', אא"וו) - פארשטייט זיך אז נאך א שאלת חכם וואס ווי באקאנט זענען פארהאן דערין הלכות נדרים אין וואס מ'דארף פארזיכטיג זיין - דאן זאל ער עס טון מתוך הכנעה צו השי"ת. ווייל כאטש ער דערלייגט דעם גרויסן אור, צוליב דעם וואס ער איז נישט זוכה צו מאכן די חומרא (און צומאל איז אויך שווער אויסצורייסן א געוואוינהייט אד"ג), איז דאך זיין גאנצער ציל אין די חומרא געווען לשם שמים, און אויב אזוי עקזיסטירן נישט דא קיין שום אנדערע חשבונות, נאר צו טון דעם רצון ה' און אים דינען בלבב שלם.

# באזארגט...

## א טיפערן בליק פון וואו עס נעמט זיך די דאגות און דער ריכטיגער אידישער געדאנקען־גאנג וואס דארף לויפן אין קאפ

### שאלה:

איך בין זייער באזארגט סיי מיט פערזענליכע דאגות און אויך די וועלטליכע פאסירונגען מאכן מיר באזארגט. כ'האב שוין געהערט ווערטער אויף בטחון און ס'האט מיר טאקע בארואיגט, אבער נישט אויף צו לאנג. איך דארף עפעס א געדאנקען גאנג, איך דארף אויפכאפן די יסודות'דיגע נקודה, וואס זאל אריינגעבן אין מיין הארץ די ריכטיגע בטחון.

### תשובה:

צו וואס איז די דאגה געגליכן? צו פלוני וואס א גביר שטיצט אים און צאלט אויס אלע זיינע געברויכן ביזן לעצטן איינצלהייט. יעדעס מאל וואס ער דארף עפעס, הייבט ער פשוט אויף א טעלעפאן און באקומט עס. איינמאל, נאך יארן פון געבן אן א שיעור, האט פלוני עפעס געדארפט, און האט טעלעפאנירט דעם גביר, אבער צו זיין וואונדער האט ער געהערט א קלאנג פון א ביפ. "אוי וויי," האט פלוני אויסגעשריגן, "דער גביר האט מיך אויפגעהערט צו שטיצן..."

דאס איז דער גאנצער ענין אויף איין פוס. דער מענטש באקומט פון השי"ת יעדע סעקונדע טויזנטער מיליאנען ריזיגע אומזיסטע מתנות. לעבן, לופט, קאפ, הארץ, מוסדות, געזעלשאפט, א שטוב, א ריזיגע הערליכע וועלט באשאף וואס דינט אים, און נאך און נאך און נאך. וויאזוי איז עס מעגליך אז ווען איין פרט פון די אלע טויזנטער ווערט אביסל 'פארהאקט', פארלירט ער די זיכערקייט אז ער וועט עס באקומען? די פשוט'סטע סברא איז דאך אז דער וואס האט געגעבן ביז יעצט וועט געבן אויך ווייטער.

**און דער ביטערער ענטפער איז:** אז מיר געדענקען נישט אז **אלעס וואס מיר פארמאגן איז פון השי"ת**, און אלע מעכטיגע מתנות וואס מיר האבן, האבן מיר נישט פון זיך אליין, נאר אלעס איז פון אויבערשטן. און נישט נאר דאס, נאר אויך אין די סעקונדע ממש וואס מיר פילן אז עפעס 'שטעקט', אויך אין די סעקונדע באקומען מיר טויזנטער מתנות. השי"ת זארגט פאר אונז און געבט און געבט אונז עד בלי די, אין די דאזיגע סעקונדע וואס מיר האבן פארלוירן די בטחון ח"ו...

### איין פראצענט קעגן וויפיל?

אויב מיר וועלן פארגלייכן צווישן אלעס וואס מיר האבן באקומען און וואס מיר באקומען און גייען באקומען, צו דעם וואס מיר זארגן דערויף, וועלן מיר איינזען אז דאס איז א פראצענט קעגן ביליאנען פראצענטן. און אויב אזוי, וואס איז דא צו זארגן? **דער וואס האט געזארגט פאר אונז די ביליאנען פראצענטן, וועט דען נישט זארגן פאר די איבריגע?!** ער איז דאך אן קיין גרעניץ, און ער איז א טוב ומטיב, ער באגיסט אונז מיט גוטס ברוב רחמיו וחסדיו אן קיין פארבינדונג צו אונזערע מעשים (און יעדער ווייסט עס ביי זיך אין הארץ, ווי ווייט די אלע טובות וואס מיר באקומען זענען נאר צוליב דעם באשעפער'ס גרויס רחמנות, ווייל מיר זענען ארעם פון זכותים), און אויב אזוי וועט ער אונז געבן אויך דאס. (און דאס וואס ער האט פאר אנדערע מענטשן נישט געגעבן - ווייסטו דאך נישט דעם חשבון וואס השי"ת האט מיט זיי, ווייל פאר יעדן איינעם איז דא א באזונדערער חשבון).

> ווען צו זיין וואונדער האט ער געהערט א קלאנג פון א ביפ. "אוי וויי" האט ער אויסגעשריגן, "דער גביר האט מיך אויפגעהערט צו שטיצן..."

קומט אויס, אז ווען דער מענטש הייבט אן זיך מתבונן צו זיין אין די חסדי ה' וואס נעמען אים ארום פון אלע זייטן, און ער צונעמט עס אויף קליין געלט, און חזר'ט זיך דעם "חיינו המסורים בידך, נשמותינו הפקודות לך, ניסיך שבכל יום עמנו, נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובוקר וצהרים, הטוב כי לא כלו רחמיך והמרחם כי לא תמו חסדיך", און קריצט איין אין זיין מח די פיל גוטס וואס ער האט באקומען פון השי"ת - **באקומט ער פון זיך אליין א פולקאמע רואיגקייט**. און דאס איז פאקטיש דער ציל פון השי"ת אין די גאנצע זאך, אז מיר זאלן זיך דערמאנען דערין.

דאס אלעס איז א קלארע רש"י (שמות יז, ח): "**סָמַךְ פָּרָשָׁה זוֹ לְמִקְרָא זֶה** (פרשת מלחמת עמלק צו די קלאג פון בני ישראל "היש ה' בקרבנו"), **לוֹמַר: תָּמִיד אֲנִי בֵּינֵיכֶם וּמְזֻמָּן לְכָל צָרְכֵיכֶם, וְאַתֶּם אוֹמְרִים הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?! חַיֵּיכֶם שֶׁהַכֶּלֶב בָּא וְנוֹשֵׁךְ אֶתְכֶם, וְאַתֶּם צוֹעֲקִים אֵלַי, וְתֵדְעוּן הֵיכָן אֲנִי.**

**"מָשָׁל לְאָדָם שֶׁהִרְכִּיב בְּנוֹ עַל כְּתֵפוֹ וְיָצָא לַדֶּרֶךְ, הָיָה אוֹתוֹ הַבֵּן רוֹאֶה חֵפֶץ וְאוֹמֵר 'אַבָּא טֹל חֵפֶץ זֶה וְתֵן לִי', וְהוּא נוֹתֵן לוֹ, וְכֵן שְׁנִיָּה, וְכֵן שְׁלִישִׁית. פָּגְעוּ בְּאָדָם אֶחָד אָמַר לוֹ אוֹתוֹ הַבֵּן: 'רָאִיתָ אֶת אַבָּא?'. אָמַר לוֹ אָבִיו: 'אֵינְךָ יוֹדֵעַ הֵיכָן אֲנִי?!' הִשְׁלִיכוֹ מֵעָלָיו וּבָא הַכֶּלֶב וּנְשָׁכוֹ".**

### וואס איז די עצה אויב מיר זענען שוין געביסן געווארן?

אז מיר זאלן זיך גלייך דערמאנען "היכן הוא", אנערקענען אין די חסדים פון השי"ת, זיך דרייען מיט די הרגשה אז השי"ת געפינט זיך צווישן אונז, און באלד וועט אונז השי"ת צוריקנעמען אויף זיינע אקסלען כביכול, און ווידער וועלן מיר זיך קענען פילן פארזיכערט אין השי"ת.

**נאך אן עצה:** צו פארוואנדלען די דאגות אויף תפילות. מ'דארף געדענקען אז דער ציל פון יעדע חסרון, שוועריקייט און דאגה וואס השי"ת געבט אונז, איז אז מיר זאלן דאווענען צו אים, כדי צו אנערקענען אז אלעס וואס מיר פארמאגן איז נאר בלויז פון אים און אן אים האבן מיר גארנישט. דעריבער איז די עצה צו דערגרייכן בטחון - תפילה. ווייל נאכדעם וואס דו האסט מתפלל געווען און ערגרייכט די הכרה אין השי"ת, איז שוין ערפילט געווארן דער ציל פון דעם צער און חסרון, און אדרבה, די דאגה איז געווארן א כלי פאר השראת השכינה, אזוי אז ס'איז מער נישטא קיין צער און חסרון.

אויסער דעם אלעם איז וויכטיג צו געדענקען, אז ווען א מענטש טראכט פון דעם אויבערשטנ'ס חסדים, און איז פארזונקען אין בטחון בה', ציט ער אראפ אויף זיך די מידה פון חסד, אזויווי עס שטייט "הבוטח בה' חסד יסובבנו" (תהלים לב, י), אזוי אז פאר דעם אליין קען ער זיין זיכער אז השי"ת וועט אים העלפן אין יעדן פרט.

עיצוב וגרפיקה | דימון BRAN


צו פארשפרייטן דער גליון אין נאך בתי מדרשים, און פאר סיי וועלכע הערה, לאזט איבער א מעסעדזש פארן מערכת אויף 347-428-6483